„Radomer-Kielcer Leben" 31 (321) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאהרגאנג VII-ער פרייז 25 גראָשען

# ראדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטען.

Radom, Piątek 8 Sierpnia 1930 r.

ראדאָם, פרייטאג, י״ד אב תר״צ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאָנסען - פרייז:

אין מיליִמעטער קורה: פאר'ן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט אנטהאלטען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

Z intencji zaręczyn
p. Henka Fajnwaksa
z p. Edzią Grossmanówną
życzymy szczęścia i harmonji dusz
*A. Gutman, S. Glatt*
*I. Korman.*

צו די תנאים
פון ה' יחזקאל פיינוואקס
מיט פרל' עדזיא גראָסמאַן
ווינשט א הארציגען מזל-טוב.
פאמיליע קאָרמאַן
(וואַרשאַווער 17).

צו דער פערלאָבונג פון אונזער קוזין
העניעק פיינוואקס
מיט פרל' עדזיא גראָסמאַן
גראַטולירען מיר הערצליך און ווינשען
א גליקליכען צוזאמענבונד
טוביה פינקעלשטיין
עט פרוי.

Edzia Grossmanówna
— Ostrowiec —
Heniek Fajnwaks
— Radom —
**Zaręczeni**
w Lipcu 1930 r.

PODZIĘKOWANIE.

**Doktorowi L. Fastmanowi**
za troskliwą opiekę podczas mej choroby
wyrażam tą drogą najserdeczniejsze podziękowanie
*Bernard Sztajnbok*

Radom, dn 7/VIII 1930 r.

מיינע פריינד פרל. אַנקע גאָלדראָט מיט יעקב קאָרמאַן
צו זייער חתונה ווינטש איך אַז זיי זאָלן צופרידענהייט
זאָלען זיין זייערע אייביגע בעגלייטער.
מ. מיללער

Wobec powtarzających się wypadków porażenia prądem elektrycznym podczas naprawiania dachów i tynkowania domów przez lekceważenie niebezpieczeństwa przy dotykaniu się przewodników prowadzących prąd, podajemy do ogólnej wiadomości, a szczególnie zwracamy uwagę PP. właścicieli domów i majstrów budowlanych, prowadzących roboty, że dla uniknięcia wypadków porażenia należy na czas prowadzenia robót w pobliżu przewodników prąd w tych przewodnikach wyłączyć, co Elektrownia uskuteczni natychmiast na każde żądanie.

*Zarząd Elektrowni*

**Bank Powszechny w Radomiu**
LUBELSKA 27
podaje do wiadomości Sz. P. iż począwszy
**od 1 Sierpnia r. b.**
będzie obliczał inkasa zamiejscowe po bardzo
niskich cenach j. np.
**na WARSZAWĘ i KIELCE**
**po gr. 75 od odcinka**
**miejscowe inkasa po gr. 20**
WYPŁACA SIĘ W DNIU WPŁYWU.

## אכטונג!
דער בעקאַנטער לאַנג-יעהריגער
## פענסיאָנאַט „ווינטערטער"
אויף טשארניעצקא גורא
אין די קאָמפאָרט-וויללעס פון פר' מאַטשעיעווסקא איז שוין אָפען
און נעמט אַן געסט צו צוגענגליכע פרייזען.
שעהנע און ליכטיגע צימערן; בעריהמטע קוך;
שנעלע און רייעלע בעהאַנדלונג.
קאָנצערט! דאַנסינג! ראַדיאָ!
אינפאָרמירען זיך, ביטע, לויט פאָלגענדען אדרעס:
פענסיאָנאַט „ווינטערטער" פּאָסט סטאָמפּאָרקוב
באַהן-סטאַציע טשארניעצקא-גורא.

דער בעוואוסטער דאַמען-שניידער
## ה' נ. דריגאַנט
איז צוריקגעקומען פון זיין שטודיע
אין דער פאַריזער שניידער-אקאַדעמיע
און נעמט אן אַלערליי ארבייטען
פון דאַמען קאָנפעקציע
פרייזען ביליגע. אדרעס:
**N. DRYGANT, Kielce**
KILIŃSKIEGO 7.

# א בריוועלע פון דער ראדאמער „ליניע“.

## (פעליעטאן).

אהובי ידידי!

ראשית כל בין איך געצווינגען דיר מודה צו זיין, אז דיינע ראדאמער האבען ב"ה א גאר גוטען געשמאק. איך בין דאך, ווי דו ווייסט, א יוד, וואס האט שוין עפיס דערשמעקט א סך דאטשעס מכל המינים, אבער איך זאג דיר, אז אזא „ליניע“ ווי ראדאם האט פאר זיך אויסגעקליבען, איז ווייט נישט בנמצא.

א קלייניגקייט, גארבאטקע. כ'לעבען מען איך בין א דיכטער פון גאט'ס גענאד, ווי איך וואלט ארויסגעשלעפט די מוזע פון איהרע הויכע הויכענישען און אנגעהויבען צו בעזונגען גארבאטקע אויף אזא אופן:

— א, גארבאטקע! דו ביזט דאך בעדעקט אינגאנצען מיט א הערליכע הימלישע תכלת-בלויקייט. דו וויעגסט זיך אין א פרעכטיגע טאטרעס-גרינע בת-מלכה [illegible]. א, דו, שיין גאט'ס בעשעפעניש אין געשטאלט פון א [illegible]...

דאס אלץ איז טאקי געזאגט געווארען ווען כ'וואלט פערמאגט „איינע דיכטערישע טאלאנט“. ביז איך דאך דערווייל נישט מעהר ווי א ארימער פעליעטאן-שרייבער, מוז מען זיך בעגעהן מיט א בריוועל, אט אזוי, צו דיר ידידי.

הכלל זיי וויסען, אז די לופט דא, איז אזא הייסע, אז זי בכח געווען צוזאמענצושמעלצען א ביוגראפישען פרנס מיט א [illegible] פרנס. און נישט חלילה פון די „פראוויזאָרישע“ דאזאָרעס, נאר טאקי די אמת'ע אלטגעזעסענע, די תושבים.

וואס, דו גלויבסט נישט אין דעם אלזא שווער איך דיר, אז בעיני ראיתי ווי פרנס פישמאן האט געפיהרט א טיפען פריינדליכען שמועס מיט פרנס ראזענבוים. און געווען איז דאס א מין רעדען, אויף אלע אונזערע דאזארעס געזאגט. האט ראזענבוים פערלאנגט פון פישמאן'ען א פאלקס-שולע האט ער עס תיכף בעקומען. האט ווידער פישמאן געוואלט א סובסידיע פאר קרן קימת, איז עס איהם אויך לייכט אנגעקומען. וועגען צנין רבנות זענען זיי אויך צווישען זיך אדורכגעקומען. בלויז פרנס פישמאן האט פערלאנגט אז ראזענבוים זאל איהם גאראנטירען א מורה-הוראה שטעלע פאר זלאטניק'ען. הקיצור, אזא שלום ווינש איך די קהלה... אין דער ווירקליכקייט — הלואי.

יעצט, ידידי, האב איך נאך א זאך ענטדעקט, וועגען וועלכער איך האב ביז איצט באמת נישט געוואוסט. די ראדאמער דיינע וועלען פאר'ן יודישען כבוד שפרינגען אפילו אין פייער אריין. געשעהען איז אזא מעשה:

עס איז געווען אין פרייטאג צונאכטס. די נאכט איז געווען א שעהנע. דער הימעל א קלארער. פון די אפענע וועראנדעס האט זיך געטראגען א בגעימות'דיג זיסער געזאנג. דאס האבען די „קומענקערער'ס“ (אזוי רופט מען דא די יונגעלייטלעך וואס קומען ארויס אויף שבת צו זייערע פרויען) געזונגען זמירות. פלוצלינג ווערט א געוואלד, א געשריי: „זשידזשי“... „פארשיווע זשידי“... וואס איז א חברה דארפישע בויערען-יונגען האט באין אופן נישט געפעלען דער זמירות-געזאנג, און דעריבער זיך אנגעהויבען א ביסעל זיך לאזען „וואוילגעהן“. עס שמעקט שוין מיט פייער. טייל האבען מורא און לאזען זיך אין די שטובען כדי צו בעהאלטען זיך, אנדערע פרובען זיך א קייגענשטעלען און ווייזען ארויס בריה'שקייט. ווער ווייס ווי לאנג עס וואלט נאך אזוי געדויערט אט דער מלחמה-שטאנד, ווען נישט וואס איינער מאחינו א יונגערמאן מיט ברעך, האט ארויס געכאפט א „שפייער“ אין — וויוואט!

שטעל דיר פאר, ידידי, אז דאס האט טאקי געפועל'ט. די יאנעק'ס און סטעפאנ'ס זענען זיך צולאפען ווי דער פעפער וואקסט און דער יודישער כבוד איז געראטעוועט. באלד האבען חברה זיך ווידער צוזינגען מיט א גרעסערע התלהבות.

כ'וואלט בעגאנגען א פערברעכען ווען כ'זאל דיר נישט עפיס שרייבען וועגען דיינע ראדאמער מיידלעך. צווישען אונז גערעדט איז דער גאנצער בריעף צוליב זיי, ווי דו ווערסט ווייטער זעהן. צוליב זיי טאקי גלוסט זיך מיר צו שרייבען, די פעדער גליטשט זיך פשוט, אויפ'ן פאפיער, א מחיה.

צוויי זענען זיי געווען. איינע א שיינע בלאנדינקע מיט א פאר טיעפע בלויע אויגען. די צווייטע א דונקעל-בלאנדע מיט שווארצע פילם-אויגען. די לעצטע האט מען גערופען „גרעטא גארבא“. און א מערקווירדיגע זאך, טשעקאווע בנאמנות, זייט איך האב זיי בעקאנט קען איך נאך ביז איצט זיך נישט „לעקצידירען“, וועלכער עס געפעלט מיר שענער.

איך זאג דיר, אהובי ידידי, אז כ'געפין זיך צוליב דעם אין א גרויס פערלעגענהייט. גאנצע טעג טראכט איך ארום דעם. זאל איך זאגען, אז די ערשטע, די בלאנדע, געפעלט מיר בעסער, נור איז דאך די צווייטע אויך א שעהנע. זאל איך זאגען פערקעהרט, הייסט דאך אוועקגעמאכט מיט די הענד די ערשטע. הכלל איך קען מיר קיין עצה נישט געבען. בקשתי, אז זאלסט תיכף (אויב מעגליך, טעלעגראפיש) מיר ארויסהעלפען מיט א קלוגע עצה. דו ביזט דאך פארט עפיס א יוד א חכם.

אלזא, למען השם ענטפער מיר זיכער, בעווייל איך ווארט מיט א קלאפענדיג הארץ.

דיין לייבעלע.

# צוליב נויט פערלאזט א מאמע איהרע קליינע קינדער.

מיט צוויי יאהר צוריק איז אוועק דער טאטע און פאר צוויי וואכען איז אוועק די מאמע. געבליבען זענען דריי קליינע מיידעלעך פון 3, 6 און 10 יאהר.

די מיידעלעך זענען [illegible] יודישע קינדער און צוויי וואכען זענען זיי ארויסגעהאלטען געווארען ביי א קריסטליכע שכנטע, א קינדערלאזע פרוי. וועלכע האט אויס רחמנות גענומען די קינדער צו זיך. מיינענדיג, אז אט, אט קומט די מאמע צוריק.

צוויי וואכען האט די קריסטליכע פרוי רוכליצקא פון סקארישעווסקא גאס נומ. 20 געווארט און, אז די מאמע פון די דריי קליינע קינדער האט זיך נישט אומגעקעהרט האט זי די דריי מיידעלעך געבראכט אין דער יודישער גמינע, וואו זי האט דערצעהלט [illegible] איז אנטלאפען פון דער מאמע און ווי אזוי די מאמע האט פערלאזט די קינדער. דערביי האט די קריסטליכע שכנה איבערגעגעבען, אז זי האט זיך בעמיהט צו געבען די קינדער כשר עסען, ווייל קיין נישט כשר'ס האבען די קינדער נישט געוואלט עסען.

נאכ'ן ערקלערען, אז לענגער האלטען די קינדער קאן זי נישט, האט די קריסטליכע פרוי איבערגעלאזט די קינדער אין גמינע און איז אוועקגעגאנגען.

די קינדער האט דערווייל אהיימגענומען ביז איבער שבת דער מיטגליעד פון דער גמינע-פערוואלטונג, ה' בנימין לאנדוי. דאן האט די גמינע געפיהרט אנ'איספארשינג וועגען דער זאך אין ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער פאטער פון די קינדער איז געווען א שיך-פוצער, ער איז אוועק זוכען ארבייט, איבערלאזענדיג דאס ווייב אין קימפעט. דאס ניי-געבוירענע קינד איז דערנאך געשטארבען אין שפיטאל. די פרוי, ס'הייסט די מאמע פון די דריי מיידעלעך, כדי צו ערנעהרען איהרע קינדער, איז זי געווארען א העשין. זי האט אבער מיט דעם [illegible] נישט געקענט מפרנס זיין איהרע קינדער און נישט קענענדיג [illegible], איז זי אנטלאפען, איבערלאזענדיג די קינדער אויף גאט'ס בעוואר.

די גמינע האט זיך מיט דעם ענין [illegible] פאראינטערעסירט און זאך א אינטערווענציע ביי דער דאקטארין פרוי קסענזשאק [illegible] און די דריי מיידעלעך זענען איבערגעשיקט געווארען אין יתומים-הויז אלס לעבעדיגע יתומים.

— די —
שענסטע
טאפעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען
קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.

## די דרוקעריי
ד. שיינבוים
ראדאם, רינעק 10

נעמט אן אלעראַרט
## דרוק = ארבייט
100 וויזיט־קעס — נאר 2 זל.
ביליגע פרייזען! —— סאָלידע בעהאנדלונג! —— קומט און איבערצייגט אייך!



## בעקאנטמאכונג.

**אכטונג האַוואַליעס** בעזאָרגט אייך גלייך מיט גרויסע זאפאסען גראָבען קאָקס פאר שמידערייען און הראבני קאָקס.

**אכטונג בליאכאזשעס** קויפט גלייך איין פרעפארירטע סמאָלע צו שמירען דעכער.

**אכטונג טשעשלער** קארבאלינעאום צו פרעזארירען האלץ קאָנט אהר גלייך בעקומען אין די גרעסטע קוואנטומ'ס.

דאָס אלעס צו בעקומען די גרעסטע קוואנטומס אין דער **שטאָט־גאזאווניע**

— ביי בעדייטענד הערונטערגעזעצטע פרייזען —

לאנג־טערמיניגע וועקסלען.

אין אייער אייגענעם אינטערעס ווענדעט זיך גלייך אין די גאזאווניע פערזענליך, אדער טעלעפאניש לויט דעם נומער טעל. 134 אדער בריפליך אויף דעם פאָסט־קעסטעל נומער 28.

**געדענקט!** אז ווינטער־צייט קאָסטען די אויבענאויסגערעכנטע פראָדוקטען בעדייטענד טייערער.

ZARZĄD
GAZOWNI MIEJSKIEJ
— w Radomiu. —


## עפענטליכע ליציטאַציע
### אויף צו פערדינגען די פערקויפס־שטעלען פון פיש אויפ'ן שוהל־הויף.

בכדי צו נאָרמירען דעם רעכטליכען בעזיץ פון די פערקויפס־שטעלען אויף פיש אויפ'ן שוהל פלאַץ לויט'ן וואונש פון די פיש־פערקויפער, האָט די קהלה־פערוואלטונג בעשלאָסען צו פערדינגען די שטעלען פון פיש־פערקויף דורך אריינגעטראָגענע אָפערטעס.

די פערזאָנען, וועלכע ווילען דינגען שטעלען צו פערקויפען פיש, אָדער פערנעהמען שוין א שטעל אָהן אונטערשיד ווי לאנג, דארפען אָנגעבען א אָפערטע אין א פערמאכטען קאָנווערט אין קאנצעלאַריע פון קהלה טעגליך אויסער שבת פון 9 ביז 2 ביז פרייטאג דעם 15 שערפיען. ביים אָבגעבען די אָפערטע דארף מען איינצאָהלען אין קהלה־קאסע 10 זל. אלס קויציע.

די אָפערטעס דארפען זיין געשריבען קירץ און דייטליך און דארפען ענטהאלטען דעם נאָמען און פאמיליע פון פערזאָן, וואָס וויל דינגען די שטעל, ווי אויך די הויך פון דער סומע, וואָס ער וויל צאָהלען יעהרליך, ד. ה. ביז'ן 1 שערפיען 1931.

דאָס עפענען די אָפערטעס וועט פארקומען זונטאג דעם 17 שערפיען 4 בייטאג אין לאָקאל פון דער קהלה.

עס וועלען געווארענט, אז געגען די יעניגע, וועלכע וועלען נישט בעזיצען קיין אפיציעלען דאָקומענט פון דער קהלה וועגען דינגען דעם שטעל וועט אָנגענומען ווערען די שטרענגסטע מיטלען צו בעזייטיגען איהם פון פלאַץ.

**די קהלה־פערוואַלטונג**
:—: אין ראדאם. :—:


LÓD SZTUCZNY
Rzeźnia Miejska rozwozi lód sztuczny
— Zgłoszenia —
na każdą ilość lodu kierować należy do Rzeźni Miejskiej,
ulica Basenowa, telefon 562

LEKARZ D-r MED.
**L. FASTMAN**
specjalista chorób uszu, nosa i gardła
przeprowadził się z dniem 1 Sierpnia
na ulicę [illegible] 1? (? piętro).

LEKARZ DENTYSTA
**H. RAKOCZ**
Radom ul. Szeroka 7
POWRÓCIŁA.

*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*
Od poniedziałku dnia 4 sierpnia b. r.
SKRZYDLATA FLOTA
w rolach głównych *Ramon Novarro* oraz uroczа *Anita Page*
Nad program: Liczne dźwiękowe dodatki

Kino *NOWE CZARY* Teatr
Dziś i dn. następnych
MOGIŁA
Nieznanego Żołnierza
w rol. gł. Marja Malicka i Jerzy Marr
Znak Zorry
w roli gł.: Douglas Fairbanks

*Kino ODEON Teatr*
Od poniedziałku 4 sierpnia r. b.
Dramatyczny film polski p. t.
Noc poślubna
w roli głównej Lili Damita
— Nadprogram —
*Władca skalnej doliny*
W roli gł. Wilma Bartev i inn.

*Kino CORSO Teatr*
Dziś i dni następnych
Rewelacyjny dramat p. t.
Znajoma
z wagonu sypialnego
Na scenie: rewja


Redaktor Ch. M. Herc — Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 28.